1925 נגע-צײַט נומ׳ 5-4

# מאָס. מעסיקייט און „כאַאָטיקע"

## אַן אַפּראַגע*)

רער גוואַלדאַוונער דערעד ערעץ׳ וואָס די דריי ליטעראַרישע
וועלטלאַך — רוסלאַנד, פּוילן און אַמעריקא — האָבן פאַר דעם אַל־
זייטיקן נעני פון פּרץ מאַרקיש, איז כאָטש ער מאַניפעסטירט דעם
פאַרבעסערטן געשמאַק פון פּובליקום, וואָס האָט ניט לאַנג צוריק זיך
נעקוויקט מיט׳ן מאַרקיז פּיקאַלאָמיני און הערצאָג ד׳אַברוצי, ווייזט
דאָך, אַז די עסטעטישע פיינשמעקער — לעזער און שרייבער אַריינ־
נערעכענט — האָבן נאָך אַ שיינעם מעהאַלער ביז זיי וועלן אויפ־
ריכטיק קענען אָפּשאַצן אַזוינע טאַלאַנטן ווי מאַקסים צע. און אַ.
אַלמי. אָבער די צוקונפט איז אין דער צוקונפטס הענט, און די גע־
נענוואָרט איז פּרץ מאַרקישעס. מען הערט פון אים אַלס פאַרזיצער
אויף מאַשיכישע סעאַנסן: זיינע „קופעס" פּאַספּייען ניט זיך אויס־
צופּריען אויף אַן אָרט און ווערן צעכאַפּט מיט דער שנעלקייט פון
פּרעסמאַשינ׳ס ארויסוואַרפן זיי. דער באַנאַזש פון זיין שטענדיקן
אַרומפאָרן׳ זיינע אינטימע באַציאונגען מיט מכלכל חיים, די וויציקע
אַפּענטפערס מיט וועלכע ער האָט לעמאַשל אַקאַרשט אָפּגעגרילט
אונזער זישאַ לאַנדוי (אַפילו מיינער אַ לאַנדסמאַן שרייבט מיר, ווי
נאָר ער האָט נעזען דעם אָפענעם בריוו אין די „בלעטער", אַז ער
וועט שוין ענטפערן׳ — וואָס דען, ער וועט ניט ענטפערן? נאָך מיט אַ
טראַסק !...) די רעפּוטאַציע פון באַוואוסטן אַפּאַלאַנישן אויסזען,
זיין פייאיקייט צו שרייבן איבער בריוסאָוון און דאַווקע נאָר ציטירן
„קאַמענשטשיק, קאַמענשטשיק" — מיט דעם רום פילט זיך דער
וועלטלאַכער רוים. עס איז בלויז נעוועזן די צופעליקע דערשיינונג פון
דעם ערשטן נומער שיקאַגער „קולטור" אין איין און דער זעלבער צייט
מיט זיין ענטפער צו די דיכטערישע קונדייסים מעאַמעריקע׳ וואָס
האָט, לויט דער סטאַטיסטיק פון אַ היגן זעלטענעם און איינציקן הר־

---

*) זע „אַן אַפּענער בריוו צו פּרץ מאַרקיש" פון ליכט, מינקאָוו, סטאַדאָלסקי און קורץ „ליטעראַרישע בלעטער" נומ. 72 און נומ. 73, מאַרקישעס ענטפער „מאָס אָדער מעסיקייט".

סטאַריאַגראַף, באַוויזן, אַז אין קאָפּ „ראַיאַל" האָט איין מענטש — מערקט אייך די מיזעראַבעלע פּראָפּאָרציע — נאָר איינער פאַרפעלט אויסצודריקן זיין מיינונג איבער דער בריליאַנטענער טשאַוועס פון פּרץ מאַרקיש אויף דער „לעזע מאַיעסטע" שאַילע פון די אויבנדער־מאַנטע דיקטערלינגען פון כאַפּלאַפּ לאַנד.

אָבער אויב דער קינסטלערישער דערפאַלג פון פּרץ מאַרקיש ווערט דאָ ניט אָפּגעפרעגט, ווילט זיך לשעם יושער, און ניט אַכטנדיק אויף דעם פאַרהעלטניסמעסיק־העפלאַכן טאָן פון זיין ענטפער, אריינ־בליקן טיפער אין דעם נאָך ־ פּאַריז ־ פון ־ וואַרשע ־ און־נאָך־וואַרשע־פון־בערלין פליענדיקן מאַרקיש, און זאָל ער אַנטשולדיקן וואָס טאָמער האָט ער „עפּעס ניט ווי ס'באַדאַרף צו זיין פאַרשטאַנען" זאָל מען אויף אים „קיין פאַריבלניט האָבן", ווייל אונז, ווי ס'ווייזט אויס, זיינען אויך ניט אינגאַנצן קלאָר געווען די געשעענישן אין פּאַריז אויף „די לאַנקרי" בעשאַאַס מיר האָבן געשריבן אונזער בריוו, ווי מאַרקיש וויל האָבן.

איז עס אין פּלאַץ צו ענטפערן ה. מאַרקיש, אַז עס איז קיין נויטיקייט ניט געווען פאַר די שרייבער פון אָפענעם בריוו צו וויסן וואָס די געשעענישן זיינען געווען, אויסער דעם וואָס דער רעפּאָרט האָט איבערגעגעבן ? עס זיינען אין קאָן געשטאַנען בלויז מאַרקישעס ווערטער ביי דער געלעגנהייט, און פון דעם — די הויפּט באַזע — האָט ער דאָך קיין איין וואָרט ניט געלייקנט !

אויך קענען מיר זיך ניט פאַרגינען, לשעם אייגענער ערע און שאַנדע, אין יאַם אריינוואַרפן דאָס מאַרקישע, פון אונזער זיים שלעכט פאַרשטאַנענע. האָט דאָך מאַרקיש זיך ניט געקענט אָפּזאָגן פון דעם צווייטיידיקן פאַרגעניגן אַנצומערקן, אַז „ס'איז אפילו ניט פון די נאָר לייכטע זאַכן זיך פאַנאַנדערקלייבן" וואָס די אָפענע בריוויניקעס זיינען אייגנטלאַך „אויסן מיט דעם גאַנצן איבערשרעק און מיט דעם שטיקל פּאַניק, וואָס זיי האָבן אויפגעהויבן אַרום דעם אומשולדיקן איניען".

וואָס־וואָס, נאָר עס דוכט זיך, אַז מיט דעם פאַנאַנדערקלייבן זיך האָט מאַרקיש איינפאַך געמאַכט דעם אַנשטעל אַלס געטרייער לעזער פון ה. ניגער'ס „פּאַשעט אַז כאַכמעס און אַן דריידלאַך" אידיש. עס איז דאָך זיכער, אַז כוץ דעם הויכגייסטיקן געגום פון זען יאַנקעלע לערמאַן אין דער קרוין־ראָלע פון „משה, וואו קריכסטו ?" און נאָכדעם ווי ער פאַרברייננט זיך געמיטלאַך אין די האַלן מיט די שטאַלץ־גע־זיכטיקע יונגערמאַנטשיקעס „מיט בליאַסקעדיקן כיישעק צו שרייבן פּערזן", קומט ער אַהיים און בליקט אריין אין דעם לעצטן נומער „קאַמערס" אָדער אין דעם „נ. ר. פ." — צי איז עס מעגלאַך, אַז זיין אויג האָט — נאָר די אַלע יאָזרעס קיין פּאַריז — קיינמאָל ניט



מעזאַנע געוועזן מיט די מערקווירדיק־סובטילע געדאַנקען אין דער פּאַרוויקלטער שפּראַך פון פּאַול וואַלערי, לאַרבאָ, טיבאָדע און פּרוסט ? „אָפּנעמען צוריק ביי לייוויק'ן די עטלאַכע ווערטער ?" — ניין שוין גיין. וואָס הייסט איר ווילט הערן קלאָרע דיבורים, אַז אונז האָט נאָר לאַבלוטין ניט אינטערעסירט דער גאַנצער איניען לייוויק און ניט אפילו די היפּאַטעזע מאַרקיש. וואָס אונז האָט יאָ שאַקירט איז : אַן איינגעשאַפּט אין פּיזיק פון זויערן שטאָף, וואָס בראַדיעט קאָל זמאַן עס איז אין אַ ענגן פלעשל פאַרפּראָפּט. מיר האָבן ניט דערוואַרט, אַז אין דער קונסט, ווי אין דער פּיזיק, זאָל אַן אינדיווידועלער קינסטלער פּונקט אַזוי ווי דער שטאָף זיך לייכט מיסכאַטן זיין מיט דער לופט אַרום ווי נאָר פון פלעשל אַרויס און אויפהערן „זויערן" — שטערן אָדער רעאַגירן עלעמענט־מעסיג אינדיווידועל. עס קען זיין, אַז אין די לעצטע ווערטער איז עס אויך „ניט פון די גאָר לייכטע זאַכן זיך פאַנאַנדערקלייבן", נאָר „איבעריקענס וועט איר דאָס שלעכט פאַרשטאַנענע (ווי איר אייצעט אונז) אריינוואַרפן אין יאַם אריין".

וואָס איז שאַיעך אייער ביסינקעלע טעאָריע מעקויאַך „דעם נאַטוראַליזם" און „דער באַגרעניצטקייט פון אָפּטיק" און „די אינער־לאַכע ניט אויסמעסטבאַרע נאַטור" און „דער ליטעראַרישער אַריט־מעטיק" אַראָפּצו און אַרויפצו, איז עס אונזער כייוו אייך מיטטיילן, אַז מיר האָבן עס צוגעלעגט צום סכום „גלענצענדן" טעאָריזירן פון אונזער געמיינזאַמען פריינד, א. לעיעלעס, אין זיינע „באַרימטע" אַרטיקלען איבער דער „וואַרשעווער גרופּע" און „אין זיך" תנצב'ה.

דערפאַר האָט איר אָבער אונז לאַבלוטן צונישט געמאַכט מיט דעם זאַץ (וועלכער איז סאָף קאָל סאָף דער איינציקער אויסדרוק וואָס קומט אַזוי נאָענט ווי מעגלאַך צו אַן ענטפער אויף אונזער אָנפראַגע) :

— „מעסטן קען מען נאָר געגענשטאַנדן, גייסט דאַרף מען נישט מעסטן, נאָר האָבן און באַגרייפן!"

דאָס איז די איינציקע שטעלע אין אייער ענטפער, זאָגן מיר, וואָס קומט אַם נאָענטסטן צום טאָך פון דער גאַנצער קאַוואַרדאַסיע. אָבער וואָס פאַר אַ אַנטפּלעקונג דער ענטפער איז, ריבוין דעאָלמאַ קילאָ ! ערשט דאָס איבערציינגט אונז — ווען אייער רעדע האָט אונז נאָר אריינגעוואָרפן אין פאַרדאַכט — אַז צו דער סומאַטאַכע אין דענמאַרק, און אַנדערע פאַרווירונגען זינט דאַן, קומט צו אַ מאַרקישע סומאַטאַכע.

ווי איר זאָגט : „איז טאַקי וואָס זאָל מען מעסטן ? מעסטן אַ ליד צי ס'איז גוט געבויט ?"

ערנסט ס. מאַרקיש : טאַקי קיינמאָל ניט געהערט פון „מעסטן".

„וועגן", „אפשאצן" מעסטנדיק?

טא נאט אייך:

עס איז דער רשום הארבים, אז אלדזשערנאן סווינבוירן איז געווען א דיכטער. גוט. דער גייסט (וועלכער דארף לוים אייך ניט ווערן געמאסטן, נאר זיין און באגריפן ווערן, ברייט, און „קלאלים", און „גזיירעס", און „מוז", און „געזעץ") דער גייסט האט סווינבוירנ'ען אמאל דיקטירט אין א ליד, וואס ער האט געהאלטן איז שרייבן די וואר־כאריפעסדיקע שורעס:

TIME WITH A GIFT OF TEARS,
GRIEF WITH A GLASS THAT RAN—

די וועלט — כאטשבע די ענגלישע — רעסימירט, האט האנאע (האנדיק באגריפן סווינבוירנס זיין, נאך א מין זיין!) צאצקעט זיך מיט דער מוזיק, מיט דעם געבוי, מיט דעם אינהאלט, מיט דער פארם, מיט דער קארענץ פון די שורעס. וואס זשע טוט נאט? וואיאקאם מעלעד כאראש — און ס'קומט א פאעזיע־קריטיקער, (בעניי בא, איז ער אויך א העכסט באגאבטער פאעט, מיט'ן נאמען ט. ס. עליאט) כאטש אין גאנצן פון אן אנדער שניט ווי וואס פאר א מענטאר ביי אונז און הויבט זיך אן טשעפן צו די גאלדענע שורעס. וואס, — זאגט ער צו די אוניווערסיטעט פראפעסארן (וואס מעסטן גראדע יא, נאר ס'איז א מעסטעניש — באהיט זאל מען ווערן). און צו די אלע, וואס וויסן, אז „גייסט דארף מען ניט מעסטן", — וואס? די ציטירטע שורעס ווייזן פעלערהאפטן גייסט אין סווינבוירנען כאטש אויף אזוי פיל אויף וויפיל די צוויי שורעס מיינען עפעס אין באצוג צו סווינבוירנ'ס פולקאמענער פאעטישער גלאריע: „קומער" (ס'ערשטע ווארט אין דער צווייטער שורע) וואלט פאר דער ערשטער שורע געווען אי זינלאך אי פאעטיש, פונקט אזוי ווי „צייט" (ס'ערשטע ווארט אין דער ערשטער שורע). פאר דער צווייטער שורע אבער איז „צייט" און נאר „צייט" דאס פאסיקע ווארט. און אזוי ווי סווינבוירן האט געמאכט דעם פעלער, טא. . . לערנט שוין די מאראל אליין.

ניין, כאווער מארקיש, ניט לייוויק שטיים דא אין וועג. (עס איז ניט מער ווי רעכט פונדעסטוועגן צו קארעגירן אייער ביסל כאאס (אדער „כאאטיקע", ווי פריינד הערמאן גאלד פרעפערירט זיך אויסצודריקן) אין באצוג צו לייוויק'ס דיכטונג. מיר ווילן אייך איינשפארן די פאסט קאסטן פאר שיקן אונז זיינע ווערק. די „קאלאסאלע באלעזונקייט", וואס מיר באזיצן „קענטיק" נעמט אריין לייוויק'ס לידער אויך, מערקט אייך. דאך דוכט זיך, אז מיט דער „מאטאנע" פון „אומקום", פון „סאף", מיט „מיסיע" טראגט ער זיך ניט ארום ווי מיט „א פאפיראסענע כריזאנטעם אין דעם לאץ פון זיינע פאעטישע „מאלבושים". אז „ער שעמט זיך מיט איר און נודיעט זיך מיט איר" — איז קוים



דערלאזבאר צו דיינקען נאכדעם ווי מיר האבן געלעזן זיינע בריוו פון וועג און זיינע רייד אויף די אוונטן אין פאריז, ווארשע און מאסקווע, און ווען ס'פארגאנגוועט זיך אין אייער הארץ די אומפאסיקע וואקלדיקע האשארע פון שוידערלאכן סקעפטיציזם, אז פון די קוריעזע „מאלבושים" איז לייוויק „מעגלאר נאך ניט אינגאנצן אויסגעטאן און באפרייט". און נאכדעם ווי איר פרעגט „וואו איז דער לייוויק פון די אנדערע לידער" — ווייסן מיר שוין זיכער ניט וואו מיר האלטן מיט אייך אין דעם ניט מעסטן אים מיט דער ליטערארישער מאס. מיינט איר טאקע בעעמעס, אז די „אנדערע לידער" זיינען אויסער וואסער ליטערארישן סטאנדארד, און אז די פאעזיע פון דער אייראפעאישער (אויב ניט אידישער) קולטור און קונסט אוים'ן ראדיאדראם פון וועלכען איר האט פראקלאמירט. . . וואס איר האט פראקלאמירט, פארמאגט נאך ניט אזעלכע אריגינעלע שאפונגען, און אז מען דארף ערשט צוטראכטן א צוגאנג צו זיי? אבער ווי געזאגט, איז דער איניען לייוויק דא אינגאנצן א זייטיקער).

אונזער טרייף אכזאריעסדיק בלוט איז ניט געשטילט געווארן מיט אייער קאלעגיאלער איינלאדונג „קומט אויך צופארן, מיר האבן פאר אייך אלעמען גענוג ליבע און סימפאטיע". א דאנק! מיר האבן אפילע ניט קיין פאריבל אויף אייך פאר אייער צוגעגעבענער שוואכקייט אין וועקסלען ווערטן. מיר ווילן אויך צולייגן, אז אין אייער באשיידענער אויפקלערונג „מיר דאכט זיך, אז א דיכטער וועקסלט זיך איבערהויפט ניט. א דיכטער וואקסט", האט איר פאר אונזערע אויגן, ווי פאר דעם בופלאקס, געווייעט מיט א רויטן טוך פון צוויי אונטערגעשטראכענע ווערטער, וואס זיינען אי עמעס אי ניט עמעס — ס'געוועגט זיך נאר ווען ס'איז נויטיק צו וועקסלען — אז מען רעדט פון מוזן וועקסלען, וועקסלט מען און אויס; און וואקסן — איז א נאטזאך. מיר זיינען אזוי הארטנעקיק, אז אפילע אייער נאכפאלגענדיקע פראזע — „ער (דער דיכטער) וואקסט ארוים פון איין עטאפ און וואקסט אריין אין א צווייטן, א העכערן און א ווייטערן. — קוקט אונז אויס, מילד גערעדט, פונקט אזוי ווערטלאז — אלס ענטפער צו דער הויפט פראגע פון אונזער בריוו — ווי די פארגעלאפענע ארגומענטן, אפגערעדט שוין פון דעם, אז די ווייטערדיקע „דרינגענישן" אייערע זיינען אונז איינפאך אומאינטערעסאנט, צי זיי זיינען אין באצוג צו אנדערע קונסט־פאזן, ריכטיק צי ניט. יעדער פון אונז, אלס לעזער, וועט אמאל אביעקטיוו באטראכטן די טעאריעס אין צוזאמענהאנג מיט אייערע אנדערע עסייען, ווען ער וועט פארזוכן צו מעסטן מארקישן דעם טעארעטיקער.

אייערע ארטיקלען — פון וועלכע מיר האבן ציטירט אין אפענעם בריוו — האבן ביי אונז ארויסגערופן די אנפראגע בעאיים הארכאק.

וואלטן מיר זיך אנגעשטויסן אויף די מיינונגען וואס איר פארקער־
פערט אין אייער ענטפער צו אונז  פאר דעם . וואס איז גע־
שען דעם און דעם דאטום אין דער רילאנקרי, וואלטן מיר געהאט
צו אייך די זעלבע טאינעס, וואס מיר האבן צו דעם צעטל ליטעראטן,
וואס האט אויסגעדרוקט אויף די לייוויק־אוונטן אין ווארשע בעאיין
ערער דעמזעלבן כאאטישן כסידישן עקסטאז. אבער די טאינעס וואלטן
ארומגעבלאנקעט אין אונזער פסיכע, האפנונגסלאז פאר א באלדיקער
טרופע, ווי ס'בלאנקען ארום אומגעפער די פראגן פון אידישן
גאלעס, פוילישער וואליוטע, אונזער פערזענלאך גליק און דעם שיק־
זאל פון די ריפן. — אלנפאלס, ניט געזוכט קיין לעזונג דורך אפענע
אדער פארמאכטע „ידידי האיאקארס". מיר וואלטן אנגענומען דעם
גוטמוטיקן — ארער יאוש'דיקן — פויערשן זאג : „ער. צו גאט איז
הויך און צום הימל איז ווייט". סיידן נאך צוגעבן א מעוואטלדיקן
אמעריקאנער : אלרייט.

פאר דעם, וואס איר האט ניט באליידיקט דורכאויס — גיבן מיר
אייך א יאשער קויאך. אויף דעם, וואס איר האט ערטערווייז ניט
געקאנט קאנטראלירן אייערע סענטימענטן — קוקן מיר מיט געטלאכן
ראכמים. דאס, וואס איר האט ניט באוויזן צו קאנטראלירן אייערע
געדאנקען — טוט לייד. פאר אייער פארדרייען די פראגע אין אומ
געווינשטע ווענדונגען — איז אביסל מארא שכוירעדיק. אייער ניט
ענטפערן אויף דער הויפט פראגע אינגאנצן — פאראורזאכט אונז צו
שליסן דעם גאנצן העכסט ערנסטן אבער צוגלייך געוואלדיג קאמישן
אינצידענט מיט אן אומאויפרייסבארן זיגל פון „סינים".

ריזעלבע

# נייע ביכער

פ ל ע ק כ ן — „א מייסע פון יאש און אנדערע לידער". פארלאג „זאנ־
גען" ניו יארק, 1925.

א בוך לידער פון א יונגן פאעט וואס „שרעקט" זיך אביסל. ניט די שרעק
פון באלויאקס הויזוועגס וואס רוקן זיך צוגויף, אין איינס פון זיינע זאכן איז
דאס נאר — שרעק פון מייז און קעץ. ביי פאו'ן האבן די קעץ געפירט צו די
פיסטעריען אונטערן דיל און צו דער „ראב", כו'ס שרעק געסט אפן גרעניץ
צווישן אלטע מייסעס און נייע סאקסאפאנטענער. וועט ער אריבער די גרעניץ ?
אויב ער קען אויסשטעלן „פאסטקעס פאר טענער וואס וואנדערן אום" בא די
„אפענע טויערן" פון אונזער געשפאנטן לעבן — וועט ער זיי אווארע כאפן.



נ פ ת ל י ג ר א ס . — „דער וויסער רייטער", פארלאג „אפטריקע",
ניו יארק, 1925. —

אויב אונזער פאעזיע איז ניט מער ווי „אן איגול אף צענדליקער מיילן־
(חלעווייי האלט עס שוין בא די צענדליקער מיילן !) פארגעסט ניט נפתלי'ס
„פלאץ פון ברעג ביז צו ברעג". נאר אויב אונזער „פלאץ האט מוינטער ווילד־
טרייבעשבנדיק אלע קאווע־פאעטן אונזערע — איז גראס א זייל מיט ליבסיקע
אויגן, מיט א קלארן וועג און מיט א רייפן, כאטש שפלאנעם גאנג.

י. כ א נ ו ק א ו ו — „אין פרוסטע שאען", מינישטוירן, ניו יארק, 1925.

כאנוקאוו דערמאנט אן א דארשטיקן וואנדערער וואס איז שוין אזוי בגר
וואסטלאז צוליב זיין דארשט אז ער ווייס ניט צו טרינקט ער קאלטן דער־
פרישנדיקן קוואלוואסער אדער — „היים בלוט. בלוט, היים בלוט כאטש אריבער
די מאס, אלעמאל. דארף מען עס צאמען דארף מען עס קענען צאמען פונקט יוי
גאנעס און מאראגעס דארפן קענען זינגען. בא קורצן זינדיקט א גאנע מיט
א בוים אין וואלד אינמיטן נאכט. נאר שענער, נאר פערוועריזער, נאר מער
געוואגט זינגען. עס מוז שוין אנהויבן אפקערן פון די זינגר לוימן סטיל פון
אלטמוידישע פאנאסטירן.

ש. ג.

א. נ י ס נ ז א ן — „מעטעארן" פארלאג „פעדער" 1925 —

א. ניסנזאן איז א באקאנטער קאלעקטאר פון שפילאכלאך ווי זיינע ליבעלי־
דער (אידישלאכע ערעמיס), ציר־פראזן ווי אין די לידער מיט אוניווערסאלן
פארגעם (מיט א היבש ביסל באמבאסטס), געשניצטע ברעקלאך פון דער פאר־
גאנגענער „מענטש צו מענטש" עפאכע און בידאון־ארום מלחמה אויסגאבן, און
טראסאטישער (בלאנדלאכער) ליטאגראפיע — צוריק צו די „אנדערס לידער".
אבער אז סטרעפט זיך א „באלעש —א נאס" מיט א טעמע אויסגעהעפט אויף
דער קאנווע פון „אומקום" — ווי אנגעגעם דער רעזולטאט ווערט. ביידע —
אי דער געוואסער אי דער באאיינפלוסטער — פארדעכטיקן גיט אז אומקום אז
און פאר זיך איז ניט ניי. אבער די אינטואיציע פון דעם באאיינפלוסטן איז
זייבערער. א ניסנזאן רעדט פון ווערטער וואס „גליען... ווי פונקען אין קא־
ביקע קעסלען". זיינע ווערטער שיינען דאווקע מיט פיל שעמעוודיקער סובטילקייט
ווי די „נאכט־שיינקייטן" בלומען אין א ציכטיק פאליסאדל. דער דיכטער איז
אז בראוו מיט די איינפלוסן. עס דוכט זיך אז א גרויזאלכע אונטערזוכונג —
נאך דעם ווי ס'איז דערשינען זיין צווייט בוך לידער און איידער ער פארליינט
א שטיין פארן דריטן — פון זיין אייגענעם „איך" און קינסטלערישע באון, וועט
אים אויפקרייסן פון נעצנדינערייי, פון וועלט־טראגעדיעס, פון אוניווערסאלע
טעמעס. דאס קורצע שטימונגספולע לירישע ליד קען קרינגן זיין דערלייזונג ביי
ניסנזאנען. וואס עס איז אן שום ספעק : דער פרייער פערז האט אפט פאר־
וואנדלט אין מעסיקן א ווייט פון מעסיק ניסנזאניש ליד.

••

ח י י ם ק ר ו ל — „אינדערלייטערונג", פארלאג „אייגענע" ניו יארק,
1925. —

•••

„זאגנען, בעט פאר איר.
„פעלדער, לויבט פאר איר.
„הימלען, לאכט צו איר.
„שטראלן, שטייכלט צו איר.